**אויף תיכף ארויסצוגעבן:**2021/19/10 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

## גאווערנער האקול אנאנסירט סטעיט פאליציי ארעסטירט 207 מענטשן פארן דרייוון אונטער איינפלוס דורכאויס קאלאָמבוס דעי חאגע

***טרופערס האבן געגעבן כמעט 18,000 טיקעטס דורכאויסן קאמפיין, אריינרעכענענדיג מער פון 7,300 טיקעטס פארן שנעל***

גאווערנאר קעטי האוקאל האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט פאליציי האט געגעבן 17,797 טיקעטס און ארעסטירט 207 מענטשן פארן דרייוון אונטער איינפלוס דורכאויס די ספעציעלע טראפיק אינפארסירונג קאמפיין דורכאויס קאלאָמבוס דעי חאגע. די אונטערנעמונג – וועלכע האט געציהלט דרייווערס וועלכע פארן שנעלער ווי ערלויבט אדער אונטער די איינפלוס פון אלקאהאל אדער דראגס – האט זיך אנגעהויבן דאנערשטאג, אקטאבער 7 און איז אנגענגאנגען ביז דינסטאג אקטאבער 12. איבער די סטעיט, האבן געזעץ אינפארסירונג בעאמטע געגעבן א סך הכל פון 38,255 טיקעטס דורכאויס די צייט אפשניט פון די אינפארסירונג קאמפיין, אריינרעכענענדיג 828 פארן דרייוון אונטער די איינפלוס און 10,593 פארן שנעלער ווי ערלויבט.

"די טראגעדיגעס וועלכע ווערן פאראורזאכט דורכן פארן שנעל און דורכן דרייוון אונטער איינפלוס קענען אינגאנצן אויסגעמיטן ווערן אויב מיר נעמען זיך אלע אונטער צו לייגן זיכערהייט אלץ די העכסטע פריאריטעט ווען מיר זענען אונטערן רעדל", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "מיר וועלן ווייטער נישט טאלערירן דרייווערס אונטער איינפלוס וועלכע לייגן אריין אנדערע אין סכנה."

**סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט קעווין פ. ברוען האט געזאגט,** "די רעזולטאטן פון די קאמפיין ווייזן אז צופיל מענטשן לייגן אריין זייערע לעבנס און די לעבנס פון אנדערע אין סכנה דורכן מאכן שלעכטע באשלוסן ביים דרייוון. אונזערע טרופערס וועלן פארזעצן צו זיין אויף די וואך פאר לייכטזיניגע דרייווערס און דרייווערס אונטער איינפלוס, אין א באמיאונג צו האלטן אונזערע גאסער זיכער פאר אלע וואס באנוצן זיך מיט זיי."

דורכאויס די ספעציעלע אינפארסירונג צייט אפשניט, וועלכע איז אויסגעצאלט געווארן דורך די גאווערנאר'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע (Traffic Safety Committee), האט די ניו יארק סטעיט פאליציי פארמערט פאטראלן און אויפגעשטעלט טשעקפוינטס צו אונטערזוכן דרייווער אויב זיי זענען ניכטער כדי צו ענטמוטיגן, טרעפן און ארעסטירן דרייווערס אונטער איינפלוס.

סטעיט טרופערס האבן ארעסטירט 207 מענטשן פארן דרייוון אונטער איינפלוס און האבן אויסגעפארשט 1,031 קאר עקסידענטס, אריינרעכענענדיג 159 עקסידענטס וואס האבן פאראורזאכט מענטשליכע שאדן.

אלץ טייל פון די אינפארסירונג קאמפיין, האבן טרופערס אויך געציהלט פארן שנעלער ווי ערלויבט און אגרעסיווע און אומאויפמערקזאמע דרייווערס לענגאויס די סטעיט.

פאלגנד זענען אויסגערעכנט די סארטן טיקעטס וועלכע זענען געגעבן געווארן.

פארן שנעל7,389
אומאויפמערקזאמע דרייוון410
סיטבעלט פארלעצונגען 707
זיך נישט ארויסרוקן פון די וועג פאר עמערדזשענסי קארן 143

טרופּערס האבן גענוצט סיי אנגעצייכנטע סטעיט פאליציי קארן און אויך באהאלטענע טראפיק אינפארסירונג (Concealed Identity Traffic Enforcement, CITE) קארן אלץ טייל פון די קאמפיין כדי צו קענען גרינגער טרעפן דרייווערס וועלכע פארלעצן דעם געזעץ. CITE קארן ערלויבן דעם טרופּער צו קענען אבזערווירן בעסער דרייוון פארלעצונגען.די קארן מישן זיך אויס מיט די טאג-טעגליכע טראפיק, אבער זיי קענען קלאר אנערקענט ווערן אלס עמערדזשענסי קרן ווען די עמערדזשענסי לעמפלעך ווערן אנגעצינדן.

רעזולטאטן פון די קאלאָמבוס דעי חאגע אינפארסירונג קאמפיין לויטן טרופּ:

| **טרופּ** | **ראיאן** | **DWI ארעסטן** (צאל מענטשן) | **שנעלקייט** | **אומאויפמערקזאמע דרייוון** | **קינדער זיץ/ סיטבעלט** | **מאכן פלאץ פאר עמערדזשענסי קארן** | **סך הכל טיקעטס** (רעכנט אריין אנדערע פארלעצונגען) |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| **A** | **Western NY** | 19 | 672 | 22 | 75 | 2 | 1,553 |
| **B** | **North Country** | 11 | 279 | 15 | 28 | 11 | 1,032 |
| **C** | **Southern Tier** | 3 | 471 | 6 | 33 | 13 | 971 |
| **D** | **Central NY** | 11 | 697 | 60 | 55 | 17 | 1,819 |
| **E** | **Finger Lakes** | 21 | 650 | 27 | 166 | 9 | 2,005 |
| **F** | **Upper Hudson Valley** | 52 | 965 | 58 | 92 | 18 | 2,069 |
| **G** | **Capital Region** | 18 | 1,039 | 46 | 48 | 19 | 2,077 |
| **K** | **Lower Hudson Valley** | 37 | 883 | 35 | 32 | 16 | 1,665 |
| **L** | **Long Island** | 17 | 388 | 57 | 42 | 2 | 1,191 |
| **NYC** | **New York City** | 2 | 202 | 28 | 37 | 2 | 1,060 |
| **T** | **NYS Thruway** | 16 | 1,143 | 56 | 99 | 34 | 2,355 |

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | **סך הכל** | **207** | **7,389** | **410** | **707** | **143** | **17,797** |

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן